KATHY HOCHUL

גאווערנאר

VANESSA THREATTE

עקזעקיוטיוו דירעקטאר

**אויטאריזאציע צו באקומען און ארויסצוגעבן אינפארמאציע**

נאמען פון מענטש____________________________________________

געבורטס דאטום____________________________________________

עלטערן\לעגאלע גארדיען____________________________________________

אדרעס____________________________________________

טעלעפאן נומער\אימעיל אדרעס____________________________________________

איך, ____________________________, אויטאריזיר די קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס (Council
**דרוקט נאמען פון עלטערן\לעגאלע גארדיען (אדער מענטש אויב עלטער ווי 18 יאר)**
on Children and Families) צו באקומען און\אדער ארויסגעבן קענטיג נויטיגע אינפארמאציע צו\פון אנדערע אגענטורן און ארגאניזאציעס כדי צו העלפן מיטן באקומען פאסיגע סערוויסעס.[1] איך פארשטיי אז דער באשלוס צו אונטערשרייבן דעם אויטאריזאציע פארם איז פרייוויליג און אז איך קען צוריקציען די אויטאריזאציע, שריפטליך, סיי ווען, אויסער אז די צוריקציאונג וועט נישט זיין גילטיג אויף אינפארמאציע וואס איז שוין ארויסגעגעבן געווארן צוליב דעם אויטאריזאציע אדער צוליב זיך פארלאזן אויף אזעלכע אינפארמאציע.

איך פארשטיי אויך אז די אינפארמאציע וואס מען וועט באקומען און ארויסגעבן קען זיין באגרעניצט צו ספעציפישע דאקומענטן אדער אויסטוישן פון אינפארמאציע, וואס קענען ווערן אידענטיפיצירט אויף די אנדערע זייט פון דעם פארם.

די אויטאריזאציע לויפט אויס אויטאמאטיש איין יאר פונעם דאטום ווען דער פארם ווערט אונטערגעשריבן סיידן מען צייגט א פריערדיגער דאטום אדער פאסירונג:

____________________________________________
שילדערונג פונעם דאטום אדער פאסירונג אדער צושטאנד ווען דער אויטאריזאציע לויפט אויס

(המשך אויף די אנדערע זייט)

[1] לויט די סאשעל סערוויסעס געזעץ § 483-b, איז די קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס אויטאריזירט צו ארבעטן מיט ניו יארק סטעיט העלט,יומען סערוויסעס, און עדיוקעישאן אגענטורן צו פארזיכערן אז קינדער באקומען די פאסיגסטע סערוויסעס צו נאכקומען זייערע געברויכן. נאכמער, אפגעזען פון סיי וועלכע אנדערע טיילן פון סטעיט געזעצן אויף פארקערט, מעג די קאונסיל פארלאנגען סיי וועלכע מעמבער אגענטור ארייינצוגעבן צום קאונסיל און אזא מעמבער אגענטור מעג, ווי ווייט עס ווערט ערלויבט דורך פעדעראלע געזעץ, אלע אינפארמאציע אינעם פארם און וועג און ביי אזעלכע צייטן ווי דער קאונסיל מעג פארלאנגען וואס איז פאסיג פאר די צוועקן און פירונג פונעם קאונסיל.

איך פארשטיי אז איך מעג פרעגן סיי וועלכע פראגע אדער מאכן סיי וועלכע באמערקונגען לגבי די אוטאריזאציע. איך פארשטיי אז איך מעג זיך אנטזאגן פון אונטערשרייבן די אויטאריזאציע און אז מיין אנטזאג אונטערצושרייבן וועט נישט אפעקטירן מיין בארעכטיגונג פאר סערוויסעס אדער באהאנדלונג, אבער אז עס קען צוריקהאלטן די מעגליכקייט פון די קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס צו העלפן.

איך פארשטיי אז די אוטאריזאציע ווערט געגעבן אין איינקלאנג מיט די מענטל היידזשין געזעץ § 33.13 (c)(7) צו מענטשן און קערפערשאפטן וועלכע קענען אויפווייזן דעם געברויך פאר אזעלכע אינפארמאציע, מיטן תנאי אז די אנטפלעקונג וועט נישט מעסיג זיין ערווארטעט צו זיין שעדליך פארן דערמאנטן מענטש אדער אן אנדערע מענטש.

איך פארשטיי אז סיי וועלכע אנטפלעקונג\ארויסגעבונג איז געבינדן צו די פעדעראלע עדיוקעישאנעל רעכטן און פריוואטקייט אקט (Federal Educational Rights and Privacy Act, FERPA) און אירע קארעספאנדירנדע רעגולאציעס וואס רעגירן אויף דעם אנטפלעקונג פון עדיוקעישאנעל רעקארדס (20 USC 1232g, 34 CFR Part 99) און פעדעראלע רעגולאציעס וואס רעגירן אויף די געהיימקייט פון אלקאהאל און דראג אביוז פאציענט רעקארדס (42 CFR Part 2). אין צוגאב, פארשטיי איך אז סיי וועלכע אנטפלעקונג\ארויסגעבונג איז געבינדן צו די פעדעראלע העלט אינשורענס פארטעביליטי און אקאונטעביליטי אקט פון 1996 (Health Insurance Portability and Accountability Act, HIPAA) וואס רעגירט אויף דעם אנטפלעקונג פון פערזענליכע געזונטהייט אינפארמאציע (45 CFR Parts 160 and 164) און דאס מיינט אויך אז אויב א דריטע פארטיי אוטאריזירט צו באקומען מיין געזונטהייט און קלינישע אינפארמאציע איז נישט קיין העלט קעיר פראוויידער אדער העלט פלאן, וואס וואלט אריינגערעכנט די קאונסיל אויף קינדער און פאמיליעס, מעג די ארויסגעגעבענע אינפארמאציע ווערן ווידער-אנטפלעקט און איז מער נישט באשיצט דורך פעדעראלע פריוואטקייט רעגולאציעס.

איך פארשטיי אז די אוטאריזאציע אוטאריזירט נישט דאס ארויסגעבן אינפארמאציע אויף AIDS און HIV ווי רעגירט דורך ארטיקל F-27 פון די פובליק געזונטהייט געזעץ.

איך פארשטיי אז די אוטאריזאציע שטייגט נישט איבער קיין שום פעדעראלע אדער ניו יארק סטעיט געזעץ אדער רעגולאציע וואס רעגירט אויף די געהיימקייט פון רעקארדס אדער אינפארמאציע.

ביטע שרייבט אונטן סיי וועלכע באגרעניצונגען אויף אינפארמאציע וואס מען מעג באקומען אדער ארויסגעבן:

---

---

אונטערשריפט פון עלטערן (אדער מענטש אויב איבער 18 יאר)\לעגאלע גארדיען    דאטום